# A GLEZELE L’ HAÏM (l’Khayim)-אַ גלעזעלע לחייִם

A glezele l’ haïm, es shadt nit nemen haynt ,
ven me zitst bay a yontevdikn tish;
A glezele l’ haïm, far fryndshaft un far fraynt
me zol shtendik nor munter zayn un frish.

אַ גלעזעלע לחייִם, עס שאַדט ניט נעמען הײַנט ,
ווען מע זיצט בײַ אַ יום- טובֿדיקן טיש
אַ גלעזעלע לחייִם, פֿאַר פֿרײַנדשאַפֿט און פֿאַר
פֿרײַנט ,
מע זאָל שטענדיק נאָר מונטער זײַן און פֿריש.

A glezele l’ haïm far alt un yung vos zitsn do,
far yedern bazunder ,
vos zaynen haynt mit undz nito.
A glezele l’ haïm der bekher ful mit vayn
far der zun zi zol shtendik mit undz zayn .

אַ גלעזעלע לחייִם, פֿאַר אַלט און יונג וואָס זיצן
דאָ פֿאַר יעדערן באַזונדער,
וואָס זײַנען הײַנט מיט אונדז ניטאָ.
אַ גלעזעלע לחייִם, דער בעכער פֿול מיט ווײַן
פֿאַר דער זון זי זאָל שטענדיק מיט אונדז זײַן

A glezele l’ haïm trinken mir atsind
nor oyf simkhes bay yedern fun aykh.
A glezele l’ haïm far muter un far kind
az mit nakhes di mame zol zayn raykh.

אַ גלעזעלע לחייִם, טרינקען מיר אַצינד
נאָר אויף שׂימחות בײַ יעדערן פֿון אײַך.
אַ גלעזעלע לחייִם פֿאַר מוטער און פֿאַר קינד
אַז מיט נחת די מאַמע זאָל זײַן רײַך.

A glezele l’ haïm nit opshteyn zol fun aykh di
shayn
keyn shvartser tog in lebn
in der mishpokhe zol nit zayn.
A glezele l’ haïm iz oystrinken keday
ven me zets zikh mit fraynd oyf dos nay.

אַ גלעזעלע לחייִם, ניט אָפּשטיין זאָל פֿון אײַך די
שײַן
קיין שוואַרצער טאָג אין לעבן
אין דער משפּחה זאָל ניט זײַן.
אַ גלעזעלע לחייִם, איז אויסטרינקען כּדאַי
ווען מע זעט זיך מיט פֿרײַנד אויף דאָס נײַ.

A glezele l’ haïm, far undzer groysn land,
Iber undz zol der himl kukn reyn
A glezele l’ haïm, ikh vintsh aykh nokhanand,
Mit a shmeykhl oyf di lipn zolt ir geyn

אַ גלעזעלע לחייִם, פֿאַר אונדזער גרויסן לאַנד,
אײַבער אונדז זאָל דער הימל קוקן ריין ,
א גלעזעלע לחייִם, איך ווינטש אײַך נאָך אַנאַנד,
מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן זאָלט איר גיין.

A glezele l’ haïm, bagleytn zol aykh shtendik
freyd
Mit layblikhn un munter,
ir zolt keynmol nit zayn tsesheyd.
A glezele l’ haïm, far alts vos undz bahelt
Un far sholem oyf gor der gantser velt.

אַ גלעזעלע לחייִם, בעגלייטן זאָל אײַך שטענדיק
פֿרייד
סיט לײַבליכן און מונטער,
איר זאָלט קיינמאָל ניט צעשייד.
אַ גלעזעלע לחייִם, פֿאַר אַלץ וואָס אונדז געפֿעלט
און פֿאַר שלום אויף גאָר דער גאַנצער וועלט.

